# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Greetings From Individuals and Organizations / Bagrisungen Fun Yekhidim Un Organizatsyes

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/8f85k53k

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Publication Date

1953

### Copyright Information

Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# די אויפבוי גרופּע פּ"צ

די אויפבוי גרופּע פאַרנעמט אַ זייער חשובן אָרט, דאָ אין לאָס אַנגעלעס. אַרום אַ 110 חברים און חברות, מיטגלידער, באַטייליקן זיך אין אַלע קאָנסטרוקטיווע קולטור טעטיקייטן: ווי אויפנעמען געסט שרייבער, דיכטער און בכלל מיט אַן ערנסטער באַציאונג צו אַלע שעפערישע כוחות וואָס שטרעבן צו פאַרשענערן און באַרייכערן אונדזער יידיש לעבן. חוץ אונדזערע פאַרפליכטונגען צו די אַלע געלט קאַמפּאַניעס וואָס מיר טראָגן צו אויף אַ בכבודיקן אופן, צו די פאָלגנדע קערפּערשאַפטן: הסתדרות, נאַציאָנאַל פאָנד, צענטראַלער שול קאָמיטעט, וועלפעיר פאָנד, ישראל באָנדס, געשטיצט די „סיטי טערעס שול", „סאָטאָ גאָס שול", הבונים, אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, דעם קעמפּ „קבוצה", „יידישער קעמפער", „פראָנטיר", „צוקונפט", „ייוואָ", ל. א. יידישער קולטור קלוב א.אַ.

יעדן לעצטן פרייטיק אין חודש ווערט דורכגעפירט אַן עונג שבת מיט צוגעפּאַסטע פּראָגראַמען. ס'ווערן געפייערט אַלע יידישע נאַציאָנאַלע יום־טובים און דער יום עצמאות.

לעצטנס האָבן מיר געפייערט די געבוירן־טעג פון אונדזערע באַליבטע חברים יוסף און פייגעלע פאַניטץ. דער דערפאָלג פון דער „גרופּע אויפבוי" איז צו פאַרדאַנקען די משפחה'דיקייט און האַרמאָניע צווישן דער מיטגלידערשאַפט און די ערנסטע באַציאונג צום יידישן גורל דאָ און אין ישראל.

**משה מאַנדעלבוים**, סעקרעטאַר.

# בן-גוריון צווייג פאַרבאַנד

דער בן־גוריון צווייג 333 פון נאַצ. ארב. פאַרבאַנד האָט זיך ערשט אָרגאַניזירט דעם 13טן יאַנואַר, 1953, אונטער דער פאָרזיצערשאַפט פון אוירווינג מען. דער צווייג האָט שוין באַוויזן פאַר דעם קאַרגן יאָר פון זיין עקזיסטירן דורכצופירן אַ ריי קולטור אָוונטן.

אין חודש מערץ האָט חברה מרים גלאַנץ רעפערירט איבער דעם יום־טוב פורים און י. ל. מאלאמוט האָט פאָרגעלייענט פון זיינע שריפטן.

אין חודש אַפּריל האָט מרים גלאַנץ געגעבן אַן איבערבליק איבער דעם אינטערעסאַנטן בוך פון ריכטער דאָגלאַס: „פרעמדע לענדער און פריינטלעכע מענטשן".

אין חודש מאַי איז געפייערט געוואָרן דער 5טער געבוירן־טאָג פון ישראל. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: אלעקס בערנער, גאַסט רעדנער; פייגעלע פאַניטץ, געזאַנג נומערן; און רבקה מארקוס האָט פאָרגעלייענט פון ביאַליק'ן. אַ טעלעגראַמע צום צווייג פון בן־גוריון איז געלייענט געוואָרן.

אין חודש יוני איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גאָרטן פאַרזאַמלונג, וואו חבר גינגאלד האָט גערעדט וועגן יידישע קולטור און די יידישע שול.

אין חודש יולי האָט קייט קראַנעץ גערעדט וועגן בוך „לעבן איז מיט די מענטשן".

דער צווייג האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פאָלגנדיקע פאָנדן: געווערקשאַפטן, פאַראייניקטער יידישער אַפּיל, נאַציאָנאַל פאָנד, באָנדס פאַר ישראל, א.א.

די מיטינגען פון צווייג זייַנען גוט באַזוכט און די מיטגלידערשאַפט וואַקסט.

פאַרן קומענדיקן זמן, ווערט צוגעגרייט אַ קאַלענדאַר פון קולטור טעטיקייטן און אחרון, אחרון חביב אַ קורס אין יידישער געשיכטע. דער קורס וועט אָנהאַלטן דעם גאַנצן סעזאָן, יעדן מאָנטיק אָוונט, אָנהייב פון חודש אָקטאָבער.

**רבקה מארקוס**, קולטור פאָרזיצער.

## דער פרץ הירשביין קולטור קרייז ביים ים

דער פרץ הירשביין קולטור קרייז ביים ים האט צו פארצייכענען א זמן פון רייכע קולטור טעטיקייטן פון 10 עפנטלעכע לעקציעס און 13 קולטור אוונטן אין די היימען פון חברים.

א פינסקי יובל מיט שלמה האכבערג, י. ל. מאלאמוט און יוסף גינזבורג; אן אוונט פארן חודש פון יידישן בוך לטובת דער „ייווא", ווידער מיט די דער-מאנטע חברים; א לעקציע פון אבא גארדין; אנדערע לעקציעס מיט אסתר שום-יאטשער און מלכה טוזמאן; איינלייטונגען פון י. אייזנשטאט 3 מאל; מאלא-מוט 3 מאל; י. גינזבורג 3 מאל; א לעקציע מיט י. ראשעל איבער קונסט.

דער שלום אוונט איז אויך געווען א געזעגענונגס אוונט לכבוד חברה קלארא דובינ'ס אפפאר אין ישראל, קלארא'ס טאכטער, נעמי און איר מאן, וויזלמאן, זענען אויך אויפגעטראטן מיט א גרופע טענץ.

באזונדער איז ווערט צו פארצייכענען אז דער קולטור קרייז האט גע-קויפט 20 ביכער און אז די יידישע ביכער אפטיילונג אין דער סאנטא מאניקא ביבליאטעק איז זיך צעוואקסן. אין משך פון 10 חדשים זינט די הירשביין ביבליאטעק איז איינגעפירט געווארן זענען ארויסגענומען געווארן 600 ביכער צום לייענען.

באזונדערס איז ווערט צו פארצייכענען די איבערגעבנקייט פון די חברים און חברות גינזבורג, פאגארעלסקי, נארמאן, פאלמער און אייזנשטאט. מרדכי פאגארעלסקי אלס סעקרעטאר פארדינט א סך קרעדיט פאר זיינע ערנסטע באמיאונגען.

## יעקב גארדאן צווייג בר. 309 נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד

דער יעקב גארדאן צווייג איז לעצטן ווינטער רעארגאניזירט געווארן, די איצטיקע בעאמטע זענען: באב גאלדשטיין, פארזיצער; אניטא פריינטליך, פי-נאנץ סעקרעטאר; בעלא טעף, קארעספאנדינג סעקרעטאר; חבר חיים ברענער, קאסירער; יוד לאמעד מאלאמוט, וויצע פארזיצער און קולטור פארזיצער. אין קולטור קאמיטעט גייען אויך אריין באבעלע בלעקמאן, יעטא גארדאן און אניטא פריינטליך. דער צווייג פלאנעוועט איינגיכן עפענען א דראמאטישע סעקציע. אלע 2 וואכן ווערן דורכגעפירט קולטור אוונטן, מיט געסט ארטיסטן און אייגענע קרעפטן וואס געפינען זיך צווישן די מיטגלידער אין א גרויסער צאל.

## זאב בערנשטיין פוע"צ צווייג ביים ים

דער זאב בערנשטיין צווייג פועלי ציון ביים ים איז איינער פון די טע-טיקסטע צווייגן פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין קאליפארניע. דער צווייג צייכנט זיך אויס ניט נאר מיט ארבעט פאר ישראל, ווי געלט זאמ-לונגען פארן נאציאנאל פאנד, ציוניסטישער ארבעטער פאנד, הסתדרות און באנד פארקויף, נאר אויך אויפן קולטורעלן געביט. איין מאל א חודש ווערן דורכגעפירט עונג שבתים וואו חברים און איינגעלאדענע געסט האלטן לעק-ציעס אויף פארשיידענע יידיש-געזעלשאפטלעכע טעמעס און פארלעזונגען פון אונדזער יידישער ליטעראטור.

פארן פארגאנגענעם יאר זיינען אפגעהאלטן געווארן לעקציעס מיט די פאלגנדע חברים: י. ל. מאלאמוט, זלמן זילבערצווייג, לייב גלאנץ, יוסף מילער, דר' שוירן, דר' י. בלומענפעלד, אסקאר דובין און אנדערע. אלע יידישע ימים-טובים ווערן געפייערט מיט פאסיקע פראגראמען. אין אונדזער צווייג נעמען א טעטיקן אנטייל אין די קולטורעלע אוונטן די פאלגענדע חברים און חברות: קלארא דובין, יעטא גארדאן, יוסף קיץ, נחום אייזענשטאדט, ח. פעלמאן, לייב יאסמאן און אנדערע.

# נייע ביכער דערשינען אין לאָס אַנגעלעס אין 1953

**ראָוז שמ״ר באַטשעלים**, די טאָכטער פון נחום מאיר שייקעוויטש שמ״ר, ע״ה, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד „שירי שמ״ר וזכרונותיו,״ דעם פאָטערס העבראַישע געזאַמלטע שירים און אויך די זכרונות פון זיין יוגנט. דאָס בוך האָט הקדמות פון דעם באַרימטן געלערנטן דוב סדן, און קלמן מרמר. דאָס בוך האָט זיך געדרוקט אין פאַרלאַג „אחיאסף״, אין ירושלים, פאַרמאָגט 232 ז״ז.

**„אין שענצטן טאָג פון האַרבסט״**, פון **ה. רויזענבלאַט**, אַרויסגעגעבן פון דעם ה. רויזענבלאַט יובל קאָמיטעט, לכבוד זיין 75־טן געבוירנטאָג. פאָרטרעט צייכענונג: קאָוונער־גראַדסקי, אַנדערע צייכענונגען: טאָדרעס געלער. 208 ז״ז.

**„יאָ און נישט, ניין״**, אימפּרעסיעס פון אַ לייענער, פון **יחזקאל בראָנשטיין**. עסייען איבער אַ גרויסע צאָל דיכטער. 252 ז״ז.

**„מיטן פּנים צו דער זון״**, פון **יוד לאַמעד מאַלאַמוט**, ערשטער בוך לידער און ריטמישע רעציטאַציעס; צווייטער בוך, הומאָרעסקעס. הקדמה: דר. א. א. ראָבאַק, פּאָרטרעט און צייכענונגען: קאָוונער גראַדסקי, פאַרלאַג מאַלאַמוט, 220 ז״ז.

**„מענטשן פון מיין דור״**, אַ בוך לידער, פּאָעמען און באַלאַדן, פון **ב. באַטשעלים**, בילדער פון מישאַ אַשכנזי, 280 זייטן.

**„צו דעם מאָרגנדיקן מאָרגן״**, אַ בוך לידער פון **שפרה ווייס**. דאָס איז שוין דער דיכטערינס דריטער בוך לידער.

**„פערציק יאָר אין קאַמף פאַר פרייהייט״**, זכרונות פון אַ פרייהייטלעכן אַגיטאַטאָר אויף דער יידיש־אַמעריקאַנער גאַס, פון חיים לייב וויינבערג, פאַרצייכנט פון מאַרקוס גרעהעם, אַרויסגעגעבן פון לאָס אַנגעלעסער וויינבערג קאָמיטעט מיט דער ראַדיקאַל לייברערי, פילאַדעלפיע. רעדאַקציע: דר. הערמאַן פראַנק; הקדמה: ט. אייגעס; ביאָ־גראַפישע נאָטיצן: א. פרומקין, לעאָן קאָברין, ס. פּאָלינאָוו, י. ל. מאַלאַמוט. 172 ז״ז.

**הערי שער, פאַמיליע בוך**, פון אַ וואָרט־פירער אין אַרבעטער רינג; אַרויסגעגעבן פון סאָוטערן קאַליפאָרניע דיסטריקט קאָמיטעט אַרבעטער רינג, וולאַדעק בראַנטש 443, אידיש סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, אידישער אַרבעטער קאָמיטעט, אַרבעטער רינג שול־פאַרוואַלטונג; ה. לאַנג, רעדאַקטאָר. 126 ז״ז. פיר זייטן פאַמיליע בילדער.

**זעכצן לידער**, פּאַראָדיעס און איבערזעצונגען, פון **יוד לאַמעד מאַלאַמוט**, 20 ז״ז.

**שין מיללער, „אין די שוואַרצע פינטעלעך״**, אַ בוך פון 21 דערציילונגען, 384 זייטן. אַרויסגעגעבן פון דעם ש. מיללער בוך קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס. תשי״ד, 1953.

**ליטעראַרישע העפטן**, ב. דיימאַנדשטיין, טאָפּלטער יובל־העפט.

**געקליבענע דראַמען**, דריטער באַנד, פון ב. דיימאַנדשטיין, 88 ז״ז: **קובץ דרמות** „אי־געש״ (וואולקאַנען אינדזל), איבערזעצט אין העבראַאיש פון ד״ר ווילאַי, ישראל פונם זעלבן מחבר.

# אַן אָוונט פון אנערקענונג פאַר אַ פאַרדינסטפולן קולטור עסקן



זונטיק אָוונט, דעם 23טן אויגוסט, האָט דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב, דורכגעפירט אַ פּרעכטיקן אנערקענונגס באַנקעט און קאָנצערט, לכבוד דעם זייער, בלב ונפש, איבערגעגעבענעם סעקרעטאַר פון קולטור קלוב, משה לייב קאָפּעלאָף. דער פּרעזידענט פון קלוב, י. פרידלאנד, האָט דערעפנט דעם אָוונט, מיט אַן איינדרוקספולע רעדע וועגן דעם בעל־שמחה, וואָס האָט תיכף אָנגעשלאָגן דעם פּאַסיקן טאָן און יום־טובדיקע שטימונג. ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„מיר האָבן שוין לאַנג געזוכט די געלעגנהייט צו געבן אַן עפנטלעכע אנערקענונג צו חבר קאָפּעלאָפן, וועלכער האָט עס באמת כשר פאַרדינט. מיר אַלע, זיינען שולדיק משה לייבן אַ הייליקן חוב. פאַר די אַלע יאָרן וואָס ער איז מיט אונדז, האָט ער כסדר, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, כמעט יעדן איינעם, צוגעטיילט פאַרדינטן כבוד, מיט וואַרעמע האַרציקע ווערטער, פון פריינטשאַפט און אנערקענונג. ער האַלט פון דער גוטער מידה: בעסער זאָגן וועגן יענעם גוטס איידער שלעכטס. ער איז לכן, ביי אונדז דער ראש המדברים, דער באַגריסער און לויב־געבער, ביי געלעגנהייטן, ווי אַ באַנקעט פאַר אַ חבר, אַ יובל אָדער אַ צאתך לשלום. דעריבער ווילן מיר היינט האָבן די געלעגנהייט, זיך מיט אים אָפּרעכענען. אויך אים זאָגן, וואָס מיר דענקען וועגן אים, און אויפריכטיק דערמאָנען זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער אַלעמענס באַליבטע אינסטיטוציע — דער „ל. א. יידישער קולטור קלוב”.

„משה לייב קאָפּעלאָף איז ניט נאָר איינער פון די ראשונים, וואָס האָט געהאָלפן אויפצובויען דעם קולטור קלוב, ער האָט אויך מיט זיין פּראַקטישן שכל און וויזיע, דערפירט דעם קלוב צו אַ געזונטן פינאַנציעלן מצב, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפן, ווי די מערסטע קולטור אָרג. כסדר זאָרגן: „וואו נעמט מען אויף שבת”.

משה לייב פאַרמאָרגט אין זיך, דינאַמישן כוח, שעפערישע ענערגיע און טאַלאנט פון קענען איבערצייגן, אַנאַליזירן ארויפגעשוואומענע פּראָבלעמען, און דערפירן די ענינים צו פּראַקטישקייט און שלימות”.

עס האָבן באַגריסט דעם בעל שמחה: חיים שאַפּירא, מיטגליד פון קולטור קלוב און גוט באַוואוסטער קולטור און כלל עסקן; האָט אין אַ גלענצנדער רעדע אָנגעוויזן אויף דעם גורל פון אונדזער יידישער שפּראַך, און אַז די מערכה פון יידיש ווערט איצט אַ סך בעסער, אומטעום; און אַז דער יידישער קולטור קלוב איז כסדר געווען די היים פאַרן יידישן וואָרט און קולטור, וואו אונדזער יידיש לשון ווערט ערלעך און מיט חשיבות אָפּגעהיט. ער באַגריסט אין וואַרעמע, האַרציקע ווערטער, חבר און חברה קאפּעלאָף, צו זייער פאַרדינטער שמחה און יום־טוב.

חבר י. ל. מאלאמוט, באַקאַנטער שרייבער און אַקטיווער טוער ביים קולטור קלוב, האָט זייער וואַרעם באַגריסט חבר קאפּעלאָפן און אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ האַרציקער מענטש ער איז און מיט זיין פריינטלעכער באַציאונג, צעמענטירט ער די גאַנצקייט און זיכערקייט פון קלוב. דער קלוב, האָט ער אָנגעוויזן, האָט אַ בודזשעט צווישן 6 און 7 טויזנט דאלאר. בעת דער שטייער פון די מיטגלידער איז, אַן ערך, 25 הונדערט דאל. דער אונטערשייד ווערט אַריינגעבראַכט וואָס די מיטגלידער ביישטייערן זיך חוץ זייער געוויינלעכן יערלעכן

שטייער. נאָר אַ דאַנק קאַפּעלאַפּס דינאַמישקייט און פּריינטלעכע אויפריכטיקע באַציאונג צו אַלעמען דערמעגלעכט ער צו שאַפן דעם נויטיקן בודזשעט פאַרן קולטור קלוב. חברה קאַפּעלאָף קומט אויך אַ וואַרעמע אנערקענונג פאַרן מיטאַרבעטן מיט אים אַזוי האַרמאָניש, לטובת דעם קלוב.

חבר א. באַביטש, וויצע פּרעזידענט פון קלוב, האָט אָנגעוויזן, אַז ווען משה לייב איז געווען אַקטיוו אין פאַרבאַנד און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך יענע אָרג. ניט ווייניק מצליח געווען. ס'איז זיכער אַ טאַלאַנט, אַ פעאיקייט און אַ מדרגה, וואָס ניט פילע קענען זיך מיט דעם באַרימען.

חברה חנה לערנער האָט באַגריסט חבר קאָפּעלאַפּן, אין נאָמען פון דער פרויען גרופּע ביים קלוב, וועלכע האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער איצטיקער אַקציע, פון באַנייען און רעדעקאָרירן דעם קולטור קלוב, און וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם פּרעכטיקן באַנקעט און יום־טוב.

מיני שוואַרץ, די פּראָטאָקאָל סעקרעטאַרין פון קולטור קלוב, האָט אין האַרציקע ווערטער באַגריסט די קאָפּעלאַפּס, מיט וועלכע זי האָט מיטגעאַרבעט מיט זיי, מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, אין די שלום עליכם שולן אין נויאָרק. און איצט, האָט זי ווידער דעם כבוד מיטאַרבעטן מיט די קאַפּעלאַפּס אין יידישן קולטור קלוב. ס'איז איר פרייד און פאַרגעניגן זיי צו באַגריסן. און, אין נאָמען פון קלוב, גיט זי איבער קאָפּעלאַפּן אַ פּרעכטיקע מתנה, אַ „דעסק סעט", ער זאָל נאָך לאַנגע יאָרן קענען שרייבן די האַרציקע בריוולעך צו אונדזערע מיטגלידער.

אין דער מוזיקאַלישער טייל פון פּראָגראַם האָט אנטייל גענומען דער באַוואוסטער פידל קינסטלער פון דעטראָיטער סימפאָניע, ליאָן פילד. ער האָט באמת באַגייסטערט דעם עולם מיט זיין פּרעכטיקן שפּילן. פּיאַנאָ באַגלייטונג, ע. פישער.

אין דער ליטעראַרישער טייל איז אויפגעטראָטן דער גוט באַוואוסטער שוישפּילער משה שטראַסבערג. ער האָט פאָרגעלייענט פון שלום עליכם, לוצקי און אויך אַן אינסצעניררונג, וואָס האָט ביים עולם אַרויסגערופן אַ היפשן האַרציקן געלעכטער און פאַרגעניגן.

און ואחרון חביב, האָט דער פאָרזיצער פון אָוונט, פאָרגעשטעלט אניוטא קאַפּעלאַף און נאָכדעם משה לייבן. ביידע האָבן האַרציק באַדאַנקט דעם קלוב, די אַלע פריינט וואָס האָבן ארויסגעוויזן אַזוי פיל פרייד און אנערקענונג, און די חברות און חברים וואָס האָבן מיט אַזויפיל איבערגעבנקייט און געטריישאַפט צוגעגרייט דעם שיינעם באַנקעט אין זייער כבוד וועגן.

קאָפּעלאַף האָט אין אַ לייגנגערער רעדע אָנגעוויזן אַז ער, ווי זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער אין קלוב, האָט פאַרבונדן זיין פּערזענלעכן לעבן מיט דעם יידישן קולטור קלוב. „מחמת דאָ, אונטער דעם דאַך פון דעם פּרעכטיקן שיינעם בנין אונדזערן, מיט די פיינע באַצירטע ווענט, מיט בילדער פון אונדזערע קלאַסיקער און וויכטיקסטע שרייבער און דיכטער, מיט אונדזער רייכער יידישער ביבליאָטעק, און בכלל אין אָט דער יידישער פאָלקסטימלעכער קולטור סביבה געפין איך מיין גייסטיקע זעלישע באַפרידיקונג. דאָ, לעבן מיר זיך אויס יידיש קולטורעל, חבריש און משפחדיק".

ער באַגריסט האַרציק דעם גרויסן עולם און דריקט אויס דעם וואונטש אַז די באַגייסטערונג פאַר אונדזער יידישן קולטור קלוב, פאַר אונדזער בית המדרש, זאָל אָנהאַלטן נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן, און אַז מיר זאָלן משפּיע זיין איינע אויף די אַנדערע, גאַר גרויסע שיינע מעשים און וויכטיקע קולטור אַקטיוויטעטן.

אַרום און ארום איז דער אָוונט געווען אַ גלענצנדער, אַ חבריש דערהויבענער, פון וועלכן דער עולם האָט גייסטיק און קינסטלעריש הנאה געהאַט.